# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

**עִם לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד עָתָּה.**

בעזהשי"ת ▪ וישלח תשפ"א ▪ גליון קב'


# צען טויזענט דאללער יעצט אדער פינעף מיליאן דאללער שפעטער?

### די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז דעם געוואלדיגן מוסר השכל... נישט אריפצוטרישן דעם עתיד פארן הוה...

ווען מען זאל פרעגן א מענטש, "וואס וואלסטו געוואלט ענדערש, **צען טויזענט דאללער יעצט אדער פינעף מיליאן דאללער שפעטער?**", אודאי וואלט דער מענטש געזאגט "פינעף מיליאן שפעטער! ווער וויל דען זיין אזא נער צו פארלירן אזא פאנטאסטישע סומע נאר פאר די הנאה פון יעצט!"

נו, שטעלט אייך פאר אז עס איז דא א איד וואס שטייט פארן חתונה מאכן זיין דריטע קינד. ער האט חובות איבערן קאפ און ווייסט נישט עודך, פון וואו ער גייט יעצט נעמען דאס געלט. אויב מען וואלט אים געפרעגט די אויבערדערמאנטע שאלה, וואלט שוין געווען אסאך שווערער פאר אים צו ענטפערן ווייל ווי אזוי קען ער אויסווארטן אויף שפעטער ווען דאס געלט דריקט יעצט אזוי שטארק און ריינט אים צו צום הארצן!

אזוי אויך פארשטייט יעדע בר דעת אז על אף וואס א מענטש מוטשעט זיך צו קענען באצאלן זיין מארגעדז"ש מדי חודש בחדשו, וועט ער אויף קיין שום פאל נישט פארקויפן זיין הויז פאר א פרייז וויניגער ווי האלב ווייל ווי אזוי קען ער אוועקגעבן זיין שווערע הארעוואניע פאר א נישטיגע סומע? אבער פון וואו נעמט מען די כוחות אויסצו-ווארטן אויף שפעטער, ווען דאס געלט דריקט יעצט אזוי שטארק און ריינט אים צו צום הארצן!

די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז די געוואלדיגע מוסר השכל פון אויסווארטן אויפן אמת'ע הנאה וואס קומט שפעטער ווי איידער נעמען א צייטווייליגע הנאה יעצט און חרטה האבן שפעטער...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך...

**וַיְצַו אֹתָם לֵאמֹר כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו, כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד עָתָּה.**
(וישלח לב, ה)

יעקב אבינו האט געשיקט שליחים איבערצובעטן עשו און געהייסן מען זאל אים איבערגעבן בשמו די ווערטער: "**עִם לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד עָתָּה.** עשו זאלסט וויסן אז **איך האב געוואוינט ביי לבן און זיך פארזוימט דארטן ביז יעצט!**"

לאמיר פארשטיין: וואס וויל יעקב זאגן מיט די ווערטער?[א] זאגט רש"י: אין די ווארט גרתי, ליגט צוויי משמעות'ן. 1. **גרתי** - געוואוינט 2. **גרתי** - תרי"ג מצות. ("**גרתי**" איז בגימטריא **תרי"ג** - ב"ר)

אזוי זאגט יעקב פאר עשו, "עשו, איך האב טאקע געוואוינט ביי לבן הארמי, א פארדארבענע מענטש אין א פארדארבענע שטאט, אבער דאס האט גארנישט משפיע געווען אויף מיר! איך האב זיך גארנישט אפגעלערנט פון זייערע שלעכטע מעשים און ווייטער מקיים געווען די תרי"ג מצות מיט א שטארקייט די גאנצע צייט!"

**וצריך ביאור:** וואס איז די גאנצע דרשה דא? עס קוקט אויס ווי יעקב אבינו רעדט דא צו עפעס א גרויסע רבי אדער משפיע וואס דאגה'ט פאר זיין רוחניות און ער וויל אים קלאר מאכן, "רבי, זארג זיך נישט! איך בין ח"ו נישט געפאלן, נאר זיך געהאלטן פעסט..."

צו וועמען רעדט מען דא? צו עשו הרשע! וואס איז נוגע פאר עשו צו וויסן אויב יעקב איז געבליבן ערליך אדער נישט? וואס מאכט דאס אויס פאר זייער רוגזא און ווי אזוי בארואיגט אים די ווערטער?

יעקב איז ממשיך מיט נאך דיבורים וואס מען זאל איבערגעבן פאר עשו: "**וַיְהִי לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה** (פסוק ו'). עשו טייערע, זאלסט וויסן אז איך האב זייער שיין פארדינט ביי לבן. איך האב זיך איינגעהאנדלט אסאך אקסן, שאף, קנעכט און דינסטן. איך האב געהאט א גרויסע רייכטום!"

[א] ועוד קשה לרש"י ביאור מילת "גרתי" ולא כתוב סתם "עם לבן אחרתי עד עתה". (רא"ם)




פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פארבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

**אויב די פריערדיגע ווערטער זענען געווען אומפארשטענדליך, זענען די ווערטער נאך שווערער**. ווי אזוי גייען די ווערטער בארואיגן דעם שונא עשו? אדרבה, דאס וואלט אים לכאורה געדארפט מער אויפרעגן, זעענדיג ווי די ברכות זענען טאקע עושה רושם?![ב]

צום פארשטיין דעם ענין על בוריה, לאמיר צוריק גיין אפאר יאר...

## וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב עַל הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ אָבִיו...

(בראשית כז, מא)

**די פסוק דערציילט אונז**: נאך וואס עשו האט געזעהן אז די זאך איז פארטיג, זיין ברודער יעקב האט באקומען די ברכות... **וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב**, האט עשו אנגעהויבן פיינט האבן זיין ברודער יעקב בתכלית השונאה. און נישט סתם א פיינטשאפט, נאר מיט אזא כעס אז **וַיֹּאמֶר עֵשָׂו בְּלִבּוֹ יִקְרְבוּ יְמֵי אֵבֶל אָבִי וְאַהַרְגָה אֶת יַעֲקֹב אָחִי**, עשו וויל איהם מער נישט קענען און מער נישט זעהן! ולא עוד, עס ווערט ביי אים א חוב קדוש צו הרג'נען דעם יעקב! ווי נאר דער טאטע וועט אוועקגיין פון דער וועלט, וועט ער אים ערלעדיגן... אזא פאפער!!

**זאגט דער כתב סופר** (וישלח עה"פ ויהי לי שור וחמור): די שנאה וואס עשו האט געהאט אויף יעקב ווען ער האט באקומען די ברכות, איז נאר געווען צוליב דעם וואס עשו האט נישט געגלייבט אז יעקב איז באמת א צדיק און ער אליין איז א רשע. וואלט עשו געגלייבט אז יעקב איז א צדיק גמור, וואלט ער קיינמאל נישט פיינט געהאט יעקב נאר אדרבה, אים איבערגעגעבן די ברכות בתשואות חן, ווייל אזוי איז ריכטיג און אזוי דארף צו זיין אז דער וואס איז ערליכער דארף באקומען די בכורה און די ברכות.

און דאס איז באמת אויך געווען די כוונה פונעם הייליגן טאטען יצחק, ווי דער ישמח משה זאגט אויפן פסוק **וַיְהִי כִּי זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת וַיִּקְרָא אֶת עֵשָׂו בְּנוֹ הַגָּדֹל...** (כז, א): **פארוואס דוקא עשו און נישט יעקב?** ווייל יצחק האט באמת געוואלט בענטשן דער זוהן וואס איז ערליכער און וויבאלד ער האט געמיינט אז עשו איז דער וואס איז מער ערליך (כי ציד בפיו), דערפאר האט ער אים גערופן. וואלט יצחק געוואוסט דעם אמת אז עשו איז אזא גרויסע רשע און יעקב איז גאר דער צדיק, וואלט ער זיכער קיינמאל נישט געבענטשט עשו... **כנ"ל ברור**.

עשו האט אבער דאס נישט געגלייבט. אין זיין קאפ און אין זיין דמיון איז יעקב גארנישט געווען בעסער פון אים! איי, ער זיצט און הארעוועט על התורה ועל העבודה א גאנצע טאג און א גאנצע נאכט! יא! דאס אלעס איז נאר א שפיל! זיין גאנצע עבודה איז איין שטיק פאפעריי, ער טוט דאס נאר כדי צו געפעלן פארן טאטען און מאמען, אבער באמת אינעווייניג האלט ער נישט דערביי!

זאגט דער כתב סופר: **וכן דרך רשעים שאינם מאמינים להיראים,** עשו האט נישט געקענט מודה זיין אז יעקב איז בעסער ווי אים, נאר געטראכט אז מן הסתם פאפט ער דעם טאטען פונקט ווי אים, ווי דער פסוק זאגט עדות: **וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו** (עיי"ש פי' רש"י), מן הסתם טוט זיין ברודער יעקב די זעלבע זאך, נאר אויף אן אנדערן אופן.

וא"ת, א מענטש קען פאפען איין אדער צוויי מאל, אבער ווי אזוי קען ער זיצן אין זיין געצעלטל און לערנען יומם ולילה?

זארגט אייך נישט! אויף דעם האט עשו אויך געהאט א שיינעם פשט! זאגט דער כתב סופר:[ג] (ונ"ל ע"ד הלצה דרך עמי הארץ שאומרים על ת"ח). עשו האט געזאגט, "דו ווייסט פארוואס יעקב זיצט און לערנט? נישט ווייל ער איז אן ערליכער, נאר ווייל ער איז פשוט פויל צו ארבעטן, ער האלט זיך נישט ביים אנשטרענגען, ער האלט נישט ביים ארבעטן אזוי שווער ווי מיר, דערפאר זיצט ער אין שטוב און קוועטשט די באנק!"

"יעקב איז נישט **תוכו כברו**, ער מאכט זיך ווי א פרומער אבער באמת איז ער א פאפער און טראכט א גאנצן טאג וויאזוי אויסצושפילן אנדערע, זיין גאנצע זיצן און לערנען איז ס'ה א שפיל פון עצלות!"

נו, אויב עשו האט געטראכט אזוי פאר די מעשה פון די ברכות, קל וחומר יעצט, נאכן געלונגענעם שפיל ווי מען האט אוועקגעכאפט די ברכות פון אים, איז עשו'ס פארדאכטן געווארן שטערקער!

ער האט אנגעהויבן שרייען צום טאטען... "**הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם אֶת בְּכֹרָתִי לָקָח וְהִנֵּה עַתָּה לָקַח בִּרְכָתִי!** טאטע, פארוואס האט יעקב באקומען די ברכות?! ער האלט דאך ביי גארנישט! דו זעהסט דאך וואספארא גנב און פאפער ער איז! ער האלט מיר אין איין אויספאפן! אפילו זיין נאמען "יעקב" פאסט אים א מחי'! דערפאר הייסט ער טאקע יעקב[ד], א לשון פון איבערקלוגן..."

**וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב...** עשו האט געברענט פאר כעס און געזאגט, "פארוואס זאל יעקב זיין מער פון מיר און באקומען מער פון מיר, ווען ער איז בכלל נישט בעסער פון מיר?! איך האב די פולסטן רעכט אים פיינט צו האבן און פייניגן און רודפ'ן ביזן טויט, רח"ל!"

~

**וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים...** דער הייליגע צדיק יעקב האט זייער ווי געטוהן צו זעהן עשו'ס כעס מיט דעם גאנצע פאלשע אפטייטש אויף איהם, אבער ער האט גארנישט געקענט טוהן אויפצו-ווייזן דעם אמת. ווי אזוי קען מען אויפווייזן וואס דער אמת'ע מחשבה פון א מענטש איז? דאס זענען דאך זאכן וואס ליגט ארייגעקריצט אין א מענטש'ס הארצן און נאר דער מענטש אליין ווייסט דעם אמת!

און אויב עשו וויל נישט איינזעהן דעם אמת, וועט ער אייביג טרעפן אנדערע תירוצים פארוואס און פארווען זיין ברודער טוט דאס אדער יענץ, ובפרט ווען עשו פילט אז יעקב וועט דורכדעם ווערן פארעכנט ווי בעסער פון אים!

---

[ב] ועי' פי' רש"י מה שתי' שם...

[ג] עי' בכתב סופר עה"פ עם לבן גרתי.

[ד] עי' פי' רש"י שמא לכך נקרא שמו יעקב, על שם סופו שהוא עתיד לעקבני..

געבט א קוק ווי אזוי הגר שפחת שרה האט גערעדט אויף שרה ווען זי האט געהאט א קינד פון אברהם און שרה נישט![ה] קוקט ווי אזוי לבן'ס חברים האבן גערעדט אויף לאה ווען זי האט גענומען איר שוועסטער'ס מאן![ו]

יעקב נישט געהאט קיין ברירה, נאר אנטלאפן ווייט אוועק פון דעם אויפגערעגטן עשו און אויסגעווארט דארט ביז דער מצב וועט זיך בארואיגן.[ז]

**עם לבן גרתי ואחר עד עתה,**

## נאכן זיין צוואנציג יאר ביי לבן, האט יעקב קלארע באווייזן...

יעצט אין פרשת וישלח, נאכן זיין צוואנציג יאר ביי לבן[ח] איז געקומען די צייט, יעקב האט קלארע באווייזן און קיינער קען דאס מער נישט לייקענען...

יעקב זאגט פאר עשו, "**עִם לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד עָתָּה**. מיין טייערע ברודער, וויסן זאלסטו אז ביז יעצט האב איך געוואוינט אין חרן ביי אונזער פעטער לבן, א פלאץ ווי אלע זענען געווען רשעים. און אויב איז דאס נישט גענוג, בין איך אליין איינגעשטאנען אינעם שטוב פונעם גרעסטן רשע, דער פאפער לבן, אבער נישט פאר א וואך אדער א חודש, נאר פאר צוואנציג גאנצע יאר! צו ווייסטו וואס דאס מיינט צו זיין אין א סביבה ווי אלעס ארום איז איין שטיק רשעות און נאר דאס אינטערעסירט זיי! קיינער דארט איז נישט מחשיב קיין עבודה, נאר אדרבה, א שומר תורה ומצות איז דארטן אינגאנצן אראפגעקוקט!"

**צו ווייסטו וואס דאס מיינט צו זיין אין א סביבה ווי אלעס ארום איז איין שטיק רשעות און נאר דאס אינטערעסירט זיי! קיינער דארט איז נישט מחשיב קיין עבודה, נאר אדרבה, א שומר תורה ומצות איז דארטן אינגאנצן אראפגעקוקט!"**

כדי צו בעסער פארשטיין ווער דער לבן איז געווען און וועלכע מצב האט דארט געהערשט, דארף מען קוקן וואס דער ספר נועם מגדים שרייבט אין פרשת מקץ[ט]: פארוואס האט לבן אוועק געגעבן סיי רחל און סיי לאה פאר יעקב?

ווייל ער האט אזוי פיינט געהאט דעם חלק הטוב אז ער האט בשום אופן נישט געוואלט אז דאס זאל זיך פארמערן אין זיין שטאט! דערפאר, האט ער געמאכט דעם חשבון: זיינע ביידע טעכטער זענען ערליכע און אויב זיי וועלן חתונה האבן מיט אנדערע, וועלן זיי איבערדרייען נאך מענטשן צו טוהן תשובה און ווערן צדיקים. (אזוי ווי דינה וואס איז נענש געווארן ווייל זי וואלט געקענט מעורר זיין עשו צו תשובה.) אזוי אויך, אויב יעקב וועט נישט נעמען זיינע טעכטער, וועט ער נעמען א צווייטן און מאכן נאך צדיקית'ן אין שטאט! בעסער זאלן די דריי זיך צוזאמהאלטן און קיינער מער זאל נישט ווערן צדיקים!

זאגט יעקב פאר עשו, "אין אזא שטאט און ביי אזא מענטש האב איך געוואוינט פאר צוואנציג יאר! און... **אעפ"כ, תרי"ג מצות שמרתי**, איך האב זיך געהאלטן שטארק און ווייטער מקיים געווען יעדע איינציגע מצוה מיט אלע אירע פרטים, פונקט ווי ביים טאטען אינדערהיים. **ולא למדתי ממעשיו הרעים**..."

"פרעג איך דיר, מיין טייערע ברודער עשו, אויב מיין גאנצע עבודה איז געווען בלויז צו פאפן דעם טאטען און מאמען, פארוואס ווען איך בין געווען אין א פלאץ פיל מיט רשעים, בין איך אויך געווען גוט? פאר וועמען האב איך דארט געוואלט געפעלן? אדרבה, אויב בין איך דער וואס וויל געפעלן פאר אנדערע, וואלט איך ענדערש געדארפט גיין אין זייערע וועגן, כמנהג המקום, און זיך פירן ווי אלע רשעים דארט, **למען אמצא חן בעיניהם!**"

"און אויב ווערסטו פרעגן, "פון וואו ווייסט מען אז דאס איז אמת? אפשר איז דאס אליין אויך א ליגנט און איך זאג נאר אזוי, אבער באמת האב איך זיך יא דארט געהאלטן נאנט מיט לבן און זיינע חבירים און געוואלט געפעלן פאר זיי?"

"דערפאר זאג איך דיר, **עִם לָבָן גַּרְתִּי... גרתי** איז אויך א לשון פון **גר**, (ווי רש"י זאגט אינעם ערשטן פשט). אפי' איך האב דארט געוואוינט אזויפיל יאר, האב איך זיך געהאלטן ווי א גר די גאנצע צייט, **לא נעשיתי שר וחשוב**."

יעקב איז ממשיך, "מיין טייערע ברודער, ווער נאך ווי דיר ווייסט מיינע מעלות, (כמבואר שיעקב היה חכם וגבור וראוי לזה), גרינגערהייט וואלט איך דארט געקענט ווערן א גרויסע מענטש, א שר, א ראש הקהל אדער סתם אן אנגעזעהענער מענטש! נאך אלעס, איז די גאנצע שטאט געבענטשט געווארן נאר צוליב מיר!" (עי' רשי ויצא)

"אעפ"כ, במשך די גאנצע צייט, בין איך געבליבן איינזאם ווי א "גר". איך בין אוועק געשטאנען פון זיי, זיך נישט געפירט ווי זיי און בכלל

---

[ה] **וַיָּבֹא אֶל הָגָר וַתַּהַר וַתֵּרֶא כִּי הָרָתָה וַתֵּקַל גְּבִרְתָּהּ בְּעֵינֶיהָ**: פי' רש"י "ותקל גברתה בעיניה" - אמרה שרי זו אין סתרה כגלויה מראה עצמה כאלו היא צדקת ואינה צדקת שלא זכתה להריון כל השנים הללו ואני נתעברתי מביאה ראשונה. (ב"ר)

[ו] כמש"כ לעיל בגליון פרשת ויצא: בא"ד אזוי אויך, האבן אלע מענטשן גערעדט אויף איר, "אזא זאך צו טוהן?! וואלט לאה געווען אביסל ערליכער, וואלט זי קיינמאל נישט געטוהן אזא פאפעריי צו איר אייגענע שוועסטער, צוכאפן יענעם'ס מאן?! אלא מאי, זעהט מען קלאר אז קיין ערליכער איז זי קיינמאל נישט געווען!"

[ז] און דאס איז געווען דער עצה פון רבקה אמנו. וְעַתָּה בְנִי שְׁמַע בְּקֹלִי וְקוּם בְּרַח לְךָ אֶל לָבָן אָחִי חָרָנָה. וְיָשַׁבְתָּ עִמּוֹ יָמִים אֲחָדִים עַד אֲשֶׁר תָּשׁוּב חֲמַת אָחִיךָ. (בראשית כז מג-מד)

[ח] 14 יאר פאר רחל, און 6 יאר פאר די שאפ.

[ט] עיי"ש באריכות, ומפרש בזה לשון הפסוק: **וַיֹּאמֶר לָבָן טוֹב תִּתִּי אֹתָהּ לָךְ** שאתה צדיק, **מִתִּתִּי אֹתָהּ לְאִישׁ אַחֵר**. שאינו צדיק ותעשה אותו לצדיק. (בראשית כט, יט)

נישט פרובירט צו געפעלן פאר זיי. מיין אמונה און מיין עבודה איז געווען ווי א וואנט צווישן מיר און זיי."

"**ואחר עד עתה**, אפי' איך האב דארט געוואוינט פאר צוואנציג יאר, דארטן חתונה געהאט און דארטן געבוירן עלף קינדער, אעפ"כ בין איך נאך אלץ געבליבן ערליך."

"**און אויב איז דאס נאך אלץ נישט קיין ראיה פאר דיר...** דו ווייסט ווייטער טאנה'נען אז נישט דאס איז דער סיבה פארוואס איך בין נישט געווארן פון די ארויפגעקוקטע חברה, נאר פשוט אז איך בין געווען א לוזע"ר, אן אויסגעשפילטער ארומאן וואס האט נישט געהאט קיין געלט... און אויב איך וואלט געהאט אפאר דאללער, ריע"ל עסטעי"ט, ארבעטערס, א גאנצע פמליא, וואלט איך געווען פיין ארויפגעקוקט דארט..."

"וויל איך דיר זאגן, מיין טייערע ברודער, **וַיְהִי לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה...** איך האב פארמאגט אסאך אקסן, שאף, קנעכט און דינסטן לרוב! איך האב געהאט א גרויסע רייכטום!"

"און מיט דעם אלעמען, בין איך געבליבן אפגעזינדערט פון זיי און ווייטער ממשיך געווען מיט מיין עבודה. פארוואס די גאנצע טורחה???"

"יא עשו! די פאקטן רעדן פאר זיך, שווארץ אויף ווייס! איך בין אייביג געווען אן ערליכער און איך וועל אייביג זיין אן ערליכער, ווייל מיין עבודה איז אן אמת'ע און איך זיך נישט צו געפעלן פאר קיינעם..."

"ובדרך אגב, אויף די טאנה וואס דו פלעגסט כסדר זאגן אז איך לערען נאר ווייל איך האלט נישט ביים ארבעטן, (זאגט די כתב סופר לפנ"ז) **"עם לבן גרתי, ויהי לי שור וחמור"**, איך האב געארבעט ביטער שווער ביי לבן, בייטאג און ביינאכט, צו ברענגען פרנסה און אעפ"כ, האב איך ווייטער געלערנט און געטוהן מצות."

"**וָאֶשְׁלְחָה לְהַגִּיד לַאדֹנִי לִמְצֹא חֵן בְּעֵינֶיךָ...** און יעצט מיין טייערע ברודער, פארוואס זאג איך דיר דאס אלעס? ווייל **איך האף אז נאך וואס דו ווייסט הערן מיין גאנצע דרשה, וועל איך שוין יא פון היינט און ווייטער נושא חן זיין אין דיינע אויגן און דו ווייסט מודה זיין אז די ברכות קומען זיך פאר מיר און זיי זענען מיינע!!"**

און טאקע, "**וַיֹּאמֶר עֵשָׂו... יְהִי לְךָ אֲשֶׁר לָךְ.**" (לג, ט) זאגט רש"י: כאן הודה לו על הברכות. (ב"ר)

(דערפאר זאגט מען מוצאי שבת נאך הבדלה דעם ערשטן פרק פון וישלח, ובפרט איינער וואס גייט ארויס אויפן וועג, **שיש בו סגולה גדולה, שהקורא בה יש לו חן בעיני הבריות וינצל מאויביו.** (עי' בשלה"ק)

~

**די הייליגע אבות הקדושים זענען געווען למעלה משוגתינו, זייערע כוחות און השגות ווער קען פארשטיין, אבער לאמיר זיך דאס פארשטעלן מיט אונזערע הייינטיגע קליינע השגות, "וואס וואלטן מיר געטוהן אין אזא מצב?"**

## לא נעשיתי שר וחשוב:

שטעלט אייך פאר אז יעקב איז מחליט אז ער וויל יא געפעלן פאר די שטאטס-לייט, ער וויל נישט זיין דער נעבעך, ער וויל זיין ווי יעדער איינער, ער וויל אויך זיין ארויפגעקוקט...

נאך אלעס, טוהען דאך אלע שכנים אזוי, אפי' זיין אייגענע משפחה טוט אזוי, פארוואס זאל ער זיין אנדערש?! איין יאר, צוויי יאר, קען מען זיך נאך איינהאלטן אבער צוואנציג יאר?! ווי אזוי קען מען זיין אנדערש פון יעדעם פאר אזויפיל יאר?!

חלילה וחס, אויב וואלט דאס געווען יעקב'ס החלטה און ער וואלט זיך נישט געקענט איינהאלטן ביי לבן, וואלט ער קיינמאל נישט געקענט בייקומען עשו און ארויסבאקומען פון אים די הודאה אויף די ברכות!

ד"מ: אין די פאר יאר, וואלט ער געקענט פארלירן זיין טייערסטע זאך אויף אייביג, ער וואלט געקענט פארלירן דאס וואס ער האט זיך אזוי מוסר נפש געווען און געליטן אזויפיל יאר פון גלות.

**אמת, צוואנציג יאר איז זייער א לאנגע צייט, אבער קעגן די הייליגע ברכות וואס זענען פאר אייביג לדורות עולם, איז דאס נאר א דורכגאנג! ווער וויל דען זיין אזא נער און אויפטוישן נצחיות פאר א צייטווייליגע הנאה פון זיין ארויפגעקוקט ביי א גרופע רשעים פאר אפאר יאר!**

אמת, צוואנציג יאר איז זייער א לאנגע צייט, אבער קעגן די הייליגע ברכות וואס זענען פאר אייביג לדורות עולם, איז דאס נאר א דורכגאנג! ווער וויל דען זיין אזא נער און אויפטוישן נצחיות פאר א צייטווייליגע הנאה פון זיין ארויפגעקוקט ביי א גרופע רשעים פאר אפאר יאר!

**תתן אמת ליעקב:** יעקב אבינו, דער מדת האמת, האט שטענדיג געהאלטן פאר זיינע אויגן ווען מען דארף געפעלן און וואס איז וויכטיגער פארן מענטש. ער האט געוואוסט אז מען דארף ענדערש מפרנס זיין דעם נפש מיטן כבוד האמיתי, ווי אידער מפרנס זיין דעם גוף מיטן כבוד הדמיון.

אדרבה, ווען מען קוקט טיפער, קען מען זעהן ווי יעדע קלייניקייט האט אן השפעה אויפן עתיד. זאגט דער ערוגות הבשם (עה"פ עם לבן גרתי א'): **פארוואס האט דער צדיק יעקב זיך געדארפט אזוי חנפ'נען אין זיך בוקן צו עשו?** דער כלל איז דאך "הקול קול יעקב והידים ידים עשו", כל זמן וואס איז עס דא דער קול פון יעקב, קען נישט זיין דער ידי עשו. אויב יעקב האט טאקע ווייטער מקיים געווען אלע תרי"ג מצות בבית לבן, ווי קומט אז ער זאל זיך דארפן בוקן פאר עשו?

**זאגט דער ערוגות הבשם:** יעקב האט טאקע מקיים געווען אלע תרי"ג מצות, אבער וויבאלד ער איז געווען זייער פארנומען בבית לבן, לבן האט אים כסדר מטריד געווען מיט זיינע געשעפטן און חוץ דער ארבעט אליין, האט ער נאך געדארפט זיין פארנומען זיך אכטונג געבן פונעם פאפער לבן... האט דאס גורם געווען אסאך ביטול תורה און עס האט עטוואס געפעלט אינעם קול פון יעקב.

דערפאר, האט נאך אויסגעפעלט זיך צו דארפן חנפ'ן און בוקן צום רשע. ואילמלא, וואלט לבן נישט געשטערט יעקב, וואלט ער געהאט מער צייט צו לערנען און זיך קיינמאל נישט געדארפט אזוי מכניע זיין פאר עשו.

דאס זאגט יעקב פאר עשו, "ווייסטו פארוואס איך דארף יעצט צוקומען צו דיר? ווייל "**ולא למדתי - ממעשיו הרעים**, איך האב נישט געקענט געווג לערנען ווייל לבן'ס מעשים הרעים האבן מיר געשטערט. אבער בעזהשי"ת, ווען איך וועל נישט ווערן אזוי געשטערט, וועל איך זיך צוריקזעצן צום לערנען א גאנצן טאג און דעמאלטס וועסטו זעהן ווי פון זיך אליין אז "**אין הידים ידי עשו**".

# צידה לדרך

**וַיָּרָץ עֵשָׂו לִקְרָאתוֹ וַיְחַבְּקֵהוּ וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָו וַיִּשָּׁקֵהוּ וַיִּבְכּוּ.**

זאגט דער חתם סופר: ע"ד הללו בוכים והללו בוכים (סוכה נב.), סיי יעקב און סיי עשו האבן דא געוויינט. יעקב האט געוויינט פון רגש, "ווי אזוי האב איך דאס אדורך געמאכט? ווי אזוי בין איך בייגעקומען דעם גרויסן בארג?! עשו מיט זיינע שרים האבן מיר דאך געוואלט אונטערברענגען..."

פון די אנדערע זייט, איז עשו געשטאנען בעצבות און געוויינט, "ווי אזוי קען זיין אז איך מיט מיינע פיר הונדערט שטארקע לייט האבן נישט געקענט בייקומען דעם חוט השערה יעקב?!"

בעל כרחו, איז עשו'ס הארץ איבערגעדרייט געווארן און ער האט אים ליב באקומען, ולא יכול לעשות מאומה. ע"כ.

# הערות פון די ליינער

**עטליכע מראה מקומות וואס מיר האבן ענטהאלטן פון ליינער איבער דעם ענין פון תפילה.**

אוחה"ק אויפן פסוק: **וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל וַיֹּאמֶר הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי** (ויצא ל, ב). זאגט דער אוחה"ק: וואס האט אזוי געבאדערט פאר יעקב אין די ווערטער פון רחל? שאמרה "הבה לי" וגו' ולא אמרה "התפלל עלי". א איד דארף זאגן "דאווען פאר מיר"...

זאגט רש"י אויפן פסוק: **וְאַחַר יָלְדָה בַּת וַתִּקְרָא אֶת שְׁמָהּ דִּינָה** (ויצא ל, כא). זאגט רש"י: פירשו רבותינו שדנה לאה דין בעצמה, אם זה זכר לא תהא רחל אחותי כאחת השפחות, והתפללה עליו ונהפך לנקבה (ברכות ס').

ד"ה, חוץ פון אלע אויבערדערמאנטע זאכן וואס לאה האט זוכה געווען דורך איר תפילה, דהיינו באקומען דעם בכור און מער שבטים, האט זי אויך זוכה געווען איבערצודרייען א יונגל אויף א מיידל.

# מוסר השכל:

**צען טויזנט דאללער יעצט!**
**אדער פינעף מיליאן דאללער שפעטער?**

טייערע אידן, לאמיר מאכן דעם חשבון! א בחור אין ישיבה, א יונגערמאן מאן אין כולל, אדער א בעה"ב צווישן זיינע חבירים, **וואס טוישן מיר אויף אויף וואס?**

פארוואס זאל דאס ביסעלע הנאה פון זיין ווי יעדעם איינעם אין אונזער סביבה, דאס ביסעלע הנאה פון זיין אנגענומען און ארויפגעקוקט ביי דעם המון עם, אונז קענען מאכן פארגייען פונעם אמת?!

**אויב וואלטן מיר נישט אויפגעטוישט צענדליגע מיליאנען פון שפעטער פאר בלויז אפאר פרוטות פון יעצט**, וויפיל אנדערש וואלטן מיר געקענט זיין, וויפיל מער וואלטן מיר געקענט אויפטוהן, ווען דער אמת'ע צוקונפט וואלט געלעגן פאר אונזערע אויגן...

שכר מצוה בהאי עלמא ליכא. זאגן די ספה"ק: פארוואס? ווייל כל חפציך לא ישוה בו, מען קען נישט באצאלן אפי' איין איינציגע מצוה מיט כל חללא דעלמא פון עולם הזה.

וואלט די אמת'ע שכר און הנאה פון לעתיד לבא כסדר געלעגן פאר אונזערע אויגן, וואלט די פאר יאר אויף דער וועלט נישט געווען אזוי שווער!

נאר ווייל אלעס אויף דער וועלט קוקט אויס אזוי אמת'דיג און גלאנציג, דערלייגן מיר זכותים פאר אונז און אונזערע קינדער לדורות עולם אויף דער וועלט און אוצרות און השפעות אויף יענער וועלט!

יעדע וואך מוצאי שבת, זאגן מיר דעם **ויתן לך**. מיט וועלכע רעכט קומען מיר דאס בעטן? נאר אין דעם זכות וואס דער זיידע יעקב האט זיך געהאלטן שטארק און געגאנגען מיטן אמת, און זיך נישט

## געבט אכטונג אויף די סביבה!

דער הייליגער רמב"ם שרייבט (פרק ו' מהלכות דעות הלכה א'):

**דרך בריתו של אדם להיות נמשך בדיעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחביריו, ונוהג כאנשי מדינתו.** לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל חכמים תמיד כדי שילמד ממעשיהם, **ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך כדי שלא ילמד ממעשיהם...**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com